אזוי אויך בנוגע תהו ותיקון, אין סדר השתל' - למטה - איז תהו (עשו) העכער, משא"כ למע' מסדר השתל' - אין פרשה - תורה איז תיקון העכער, און דאס איז מושרש אין עצמות, וויבאלד אז אורייתא וקוב"ה כולא חד, איז ווי עס שטייט אין תורה איז דאס מושרש אין עצמות,

וואס דא זעט מען ווי אין איין ווארט פון רמב"ן ורש"י איז מרומז ענינים פון פנימיות התורה.

ו. די רש"י בסיום הפרשה, איז דאס א קליינע רש"י, און קליינער שטעלט זיך ניט אפ אויף איהר, אבער באמת איז אין איהר פאראן א גאנצע טומלעניש, וכמדובר כמה פעמים אז דוקא אויף די איינפאכע זאכען שטעלט זיך קיינער ניט.

אויף "על נשיו", איז רש"י מפרש, "הוסיף רשעה על רשעתו שלא גרש את הראשונות",

וואס בפשטות מיינט דאס אז ער האט גענומען נאך א פרוי א מרשעת נוסף אויף די פריערדיקע וואס ער האט זיי ניט גע'גט, ווי ער זאגט איז דעם חצע"ג, אז הוסיף מרשעת על מרשעיות שהיו לו כבר, וק"ל.

דעם ווארט "רשעה" קען מען לכאורה לערנען אין צוויי אופנים:

א) "רשעה", איז דאס רשע בלשון נקבה, ע"ד ווי "מלכות יון הרשעה" (הרי"ש בנקוד שבא), ב) "רשעה" (הרי"ש בנקוד חיריק), וואס דאס מיינט שלעכטסקייט, ע"ד דער לשון "ומלכות הרשעה" אדער "כדי רשעתו",

מ'קען ניט זאגען אז רש"י הניח מקום אויף לערנען ביידע אופנים, ווי מ'וויל, ווארום דרכו של רש"י איז ארויסזאגען קלאר וואס ער מיינט, מוז מען זאגען אז אויך בענין זה איז דא א בירור אין רש"י גופא וואס ער מיינט.

דער לשון אין רש"י איז "הוסיף רשעה על <u>רשעתו</u>", אויב רש"י וואלט געמיינט אפטייטשן "רשעה" בלשון נקבה, וואלט יעמולט רש"י געדארפט זאגען "רשעה על רשעיותיו", ע"ד ווי ער זאגט דעם לשון אין חצע"ג "מרשעת על <u>מרשעיות</u>",

איז דערפון פארשטאנדיק אז רש"י לערנט דא "רשעה" א שלעכטסקייט, ניט ווי דער פירוש וואס ער זאגט אין חצע"ג, ע"כ בנוגע פשט אין רש"י.

עס איז אבער ניט פארשטאנדיק:

וואו נעמט רש"י צו זאגען אז דאס איז א מעשה רשעות, בשעת די תורה דערציילט דא אז עשו האט דאס געזאהן וועו ער האט געזעהן אז "רעות בנות כנען בעיני יצחק אביו", האט ער דאך דאס געטאהן לכאורה צוליב כיבוד אב,

כמדובר כמה פעמים, אז פונקט ווי עס איז מדויק אין רש"י יעדער ווארט וואס ער זאגט, אזוי איז אויך בדיוק די ענינים וואס רש"י איז זיי נישט מפרש, אז דאס איז ווייל עס איז אזוי פשוט אז מ'דארף ניט אנקומען צו פרש"י,

לפי"ז איז ניט פארשטאנדיק, בשעת עס שטייט אין דעם פסוק "אחות נביות" שטעלט זיך רש"י און פרעגט "ממשמע שנאמר בת ישמעאל איני יודע שהיא אחות נביות" און פארענטפערט דאס, האט זיך דאך רש"י אויך געדארפט שטעלן אויף דעם וואס אין דעם זעלבן פסוק שטייט "ישמעאל בן אברהם", און עס איז דאך זיכער פארשטאנדיק אז ישמעאל איז בן אברהם, פארוואס דארף דאס די תורה זאגען,

- און -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

און אויב מצד איזה טעם מוז די תורה מפרש זיין אז ישמעאל איז בן אברהם האט די תורה דאס געדארפט זאגען בא דעם ערשטן מאל - ווען עס שטייט "אברהם", ווארום עס שטייט פריער אין דעם זעלבן פסוק "וילך עשו אל ישמעאל ויקח" גו', האט ראוסן די תורה געדארפט זאגען בן אברהם, און אויב עס דארף ניט שטיין, וואלט דאך אויך בא דעם צווייטן מאל ניט געדארפט שטיין דער "בן אברהם", און אויף דערויף איז רש"י גארניט מפרש.

מ'קען ניט זאגען אז אויף "אחות נביות" האט רש"י יא געהאט א תירוץ, דעריבער פרעגט ער דאס, משא"כ אויף דעם "בן אברהם", האט רש"י קיין תירוץ ניט, דעריבער פרעגט ער דאס ניט,

ווייל מ'זעט אין דער פרשה גופא, אויף די ווערטער "אם יעקב ועשו" - זאגט רש"י - "איני יודע מה מלמדנו", זעט מען דאך אז אפילו וואו רש"י האט קיין ביאור ניט זאגט ער אבער אז אין דעם פסוק איז דא א שאלה, איז דערפון וואס אויף "בן אברהם" פרעגט רש"י גארניט איז פארשטאנדיק אז עס איז א דבר הפשוט, און ס'איז ניטא אויף וואס צו פרעגן,

אויך איז ניט פארשטאנדיק, דאס וואס רש"י זאגט אויף די ווערטער "וישמע יעקב" - "מחובר לענין של מעלה וירא עשו כי ברך יצחק וגו' וכי שלח אותו פדנה ארם וכי שמע יעקב אל אביו והלך פדנה ארם וכי רעות בנות כנען והלך גם הוא אל ישמעאל", רעכנט דאך דא רש"י אויס אלע פרטים וואס ווערן דערמאנט אין דער פרשה, דארף מען פארשטיין, פארוואס ברענגט ניט רש"י דעם פרט אז "ויצו עליו לאמר לא תקח אשה מבנות כנען"?.

דער ביאור אין דערויף איז:

לכאורה איז דא ניט פארשטאנדיק, אויב עשו וואלט געוואלט מקיים זיין רצון אביו בשלימות, וואלט ער דאך געדארפט גיין נעמען א פרוי אין פדן ארם, ווארום אזוי איז דאך געווען דער ציווי פון יצחק'ן, און דארט'ן וואלט ער אויך געקאנט נעמען מבנות לבן, ווארום ער האט דאך געהאט פיר טעכטער(רש"י בראשית לא, נ)אדער פון די אנדערע מענטשן אין חרן?

נאר די קשיא פארענטפערט רש"י דערמיט וואס ער לאזט אויס אויף דעם פירוש "וישמע יעקב" דאס וואס "ויצו עליו לא תקח אשה מבנות כנען",

ווארום רש"י וויל דא אופטאהן אז עס זיינען געווען צוויי ענינים: א) אז יצחק האט געשיקט יעקב קיין פדן ארם, ב) אז רעות בנות כנען בעיני יצחק אביו", וואס מיט דעם וואס רש"י ברענגט נאר דעם "כי שלח אותו פדנה ארם", און ניט דעם"ויצו עליו לאמר לא תקח אשה" ווייזט ער אז די זיינען צוויי באזונדערע ענינים און איינער האט ניט צוטאהן מיט דעם אנדערן,

אויף הליכת יעקב לפדן ארם האט איהם יצחק געבענטשט, ווי ער זאגט אין דער פרשה "כי ברך יצחק את יעקב" גו', איז דאס געווען א ספעציעלער ענין פאר יעקב, האט שוין עשו ניט געהאט וואס צו גיין אהין, ווייל יעקב האט שוין באקומען די ברכות אויף דעם,

דער צווייטער ענין אבער אז רעות בנות כנען בעיני יצחק אביו, (וואס דאס איז ניט פארבונדן מיט גיין אין פדן ארם) דאס האט אויך עשו געקענט טאהן און דאס איז עשו געגאנגען מקיים זיין, ווי ער זאגט אין פסוק "וילך עשו אל ישמעאל ויקח גו'",

דערמיט איז אויך פארענטפערט פארוואס רש"י שטעלט זיך ניט אויף "בן אברהם",

- רש"י -

רש"י דערציילט דאך פריער אז עשו האט געוואלט ווייזן יצחק'ן אז ער איז א מדקדק במצות, און ווי רש"י זאגט (בראשית כו,לד) "נמשל כו' פושט טלפיו", ווי ער האט געזאגט "האיך מעשרין את התבן", וואס מיט דעם האט ער געוויזן אז ער איז <u>מדקדק</u> במצוה און ניט סתם <u>מקיים</u> די מצות, (ווארום ער האט ניט געפרעגט האיך מעשרין את <u>התבואה</u> נאר את <u>התבן</u>.), אזוי אויך בשעת עס איז געקומען דערצו אויף ניט נעמען מבנות כנען, איז ער געגאנגען ווייזן אז ניט נאר וואס ער נעמט ניט מבנות כנען, נאר ער גייט נעמען א מיוחסת, די איז אברהם'ס א איינינקל,

דאס דערציילט דער פסוק "בת ישמעאל <u>בן אברהם</u>", און ווי דער נקוד הטעמים אויף די ווערטער קדמא ואזלא, עשו האט געשריען איהר זעט ער איז מקיים רצון אביו בשלימות, ער נעמט אברהם'ס א איינינקל-ווארום ער איז מדקדק במצות,

און פונקט ווי זיין טאטע יצחק איז ניט ארויסגעגאנגען פון ארץ ישראל אזוי איז אויך ער נישט ארויסגעגאנגען פון ארץ ישראל בכדי חתונה צו האבען, ניט ווי יעקב וואס איז אוועקגעגאנגען אין פדן ארם. און אויך די פרוי וואס ער האט גענומען איז געווען מער מיוחס'ת פאר יעקב'ס, און ער האט גע'טענה'ט אז פאר יעקב'ן איז גענוג לבן'ס טאכטער, משא"כ ער מוז האבען בת ישמעאל (און עס איז ניט גענוג, נאר) <u>בן אברהם</u>.

און דערפאר שטעלט זיך ניט רש"י אויף די ווערטער בן אברהם וואס דא שטייט, ווארום עס איז א דבר פשוט, אז דער פסוק קומט דא דערציילן כוונת עשו,

אעפ"כ האט יצחק עס ניט געהייסן אפ'גט'ן די פריערדיקע פרויען וואס ער האט געהאט (וואס זיינען געווען כנעניות), ווייל קיין <u>איסור</u> חתונה צו האבען צו בנות כנען איז ניט געווען, והראי' אז עס איז דא א דיעה אז די שבטים האבען חתונה געהאט צו כנעניות, (מובא ברש"י בראשית לז,לה)

און אזוי געפינט מען אויך בשעת אברהם האט געשיקט אליעזר ער זאל קריגען רבקה פאר יצחק'ן, האט אברהם געזאגט "ואם לא תאבה האשה ללכת אחריך ונקית משבעתי", זאגט רש"י "וקח לו אשה מבנות ענר אשכול וממרא", און די זיינען דאך געווען כנעניות,

אזוי אויך ביז איצטער כל זמן רבקה האט ניט געזאגט "קצתי בחיי מפני בנות חת", איז בא יצחק'ן אויך ניט געווען קיין קפידה קעגן בנות כנען,

איז ווייבאלד קיין איסור איז ניט אין בנות כנען, האט זיי עשו ניט מגרש געווען,

ואפי' ע"פ הלכה איז עס פארשטאנדיק: ווארום עס איז דא א דין (יו"ד סי' ר"מ סעי' כ"ה ברמ"א) אז דער זון איז ניט מחויב צו פאלגען דעם טאטען ווען ער הייסט איהם ניט חתונה האבען מיט די פרוי וועלכע ער וויל, - דערביי איז ניטא קיין דין כיבוד אב ובמילא האט איהם יצחק ניט געקאנט הייסען מגרש זיין זיינע פרויען.

מצד דין זה זיינען פאראן מפרשים וועלכע פרעגן אז ווי אזוי האט יצחק געקאנט אנזאגען יעקב'ן אז "לא תקח אשה מבנות כנען", יעקב וואלט דאך ניט געווען מחויב איהם פאלגען,

נאר עס איז מובן בפשטות אז די קשיא איז ניט קיין קשיא: בד"א אז א טאטע קען ניט מונע זיין פון חתונה האבען, און עס גייט דערביי ניט אן קיין חיוב פון כיבוד אב, איז דאס בשעת דער בן וויל חתונה האבען, און דער טאטע וויל איהם מונע זיין, דא אבער האט איהם יצחק געזאגט מלכתחילה

- איידער -

<u>הנחת הח' בלתי מוגה</u>

אידער יעקב איז געגאנגען חתונה האבען, אז בשעת ער וועט חתונה האבען זאל ער ניט נעמען א אשה מבנות כנען, ובאופן כזה איז יא פאראן א חיוב של כיבוד אב.

אזוי אויך בנוגע צו עשו, וויבאלד עשו האט שוין פון פריער חתונה געהאט מיט בנות כנען, האט איהם יצחק ניט געקאנט הייסען זיי מגרש זיין, ווייל עשו וואלט ניט געווען מחויב איהם פאלגען, כנ"ל אז באופן כזה גייט ניט אן קיין חיוב כיבוד אב, דעריבער האט איהם יצחק ניט געהייסן, אע"פ אז יצחק האט געוואוסט אז עשו איז נזהר בכיבוד אב, פונדעסטוועגן וויבאלד עשן האט דאך שוין חתונה געהאט פון פריער, איז זאגען איהם ער זאל גט'ן די פריערדיקע ווייל זיי זיינען בנות כנען, איז באופן כזה ניטא קיין חיוב כיבוד אב, האט איהם יצחק גארניט געזאגט.

לפי הנ"ל קומט דאך אויס, אז עשו האט דא קיין עולה ניט געטאהן דערמיט וואס ער האט געהאלטן די בנות כנען, איז פארוואס רופט זיי רש"י אן "רשעה על רשעתו",

נאר די עולה איז פון עשו אליין, אה"נ אז קיין ציווי לגרשם איז ניט געווען, אבער פארוואס האט ער אליין זיך ניט געכאפט זיי גט'ן, די איז א מרשעת גט איהר אפ, און דאס רופט רש"י אן א ענין של רשעות,

עס בלייבט נאך אבער אלץ ניט פארשטאנדיק וואו נעמט רש", אז אויך די איצטעדיקע (בת ישמעאל) איז אויך געווען א מרשעת,

נאר דאס לערנט רש"י אפ פון דעם לשון הפסוק "על נשיו", אז די וואס איז איצטער צוגעקומען איז זי בדוגמת די וואס ער האט געהאט ביז איצטער, וואס די ביז איצטעדיקע זיינען דאך געווען מרשעיות – ווי רש"י ברענגט פריער (כז,א): אז"היו מעשנות ומקטירות לע"ז", אזוי אויך די צוגעקומענע,

מ'קען ניט לערנען אז דער "על נשיו" קומט נאר דערציילן אז ער האט די פריערדיקע ניט גע'גט, ובמילא איז ניט קיין ראי' אז די איז געווען בדוגמת נשיו הקודמות, ווארום לולא די ווערטער "על נשיו" וואלט מען דאס אויך געוואוסט, וויבאלד אז תורה דערציילט אז ער האט מיט זיי חתונה געהאט, און עס ווערט ניט דערמאנט אז ער האט זיי גע'גט, איז פארשטאנדיק אז ער האט זיי ניט גע'גט, און מען דארף ניט קיין איבעריקן פסוק אויף דעם, במילא איז פון דעם "על נשיו" ווייס מען אז "הוסיף רשעה כו'".

און עס איז געווען "הוסיף על רשעותיו" ווארום ער האט איהר ניט פארביטען אויף די פריערדיקע, ואדרבה, "לא גירש כו'" און עס איז צוגעקומ נאך א רשעות.

דערפון קומט מען אויך לפנימיות הענינים, און דאס איז אויך פארבונדען מיט דער סדרא וואס מ'גייט איצטער לייענען (פ' ויצא),

דער חילוק צווישן יעקב ועשו בענין זה איז געווען; אז עשו איז ניט געגאנגען קיין חרן ווייל ער האט ניט געקראגן די ברכות, נאר יעקב האט זיי געקראגן, און ער האט אויך גע'טענה'ט אז דאס וואס יעקב גייט איז עס צוליב די ברכות,

יעקב אבער, הגם ער האט באקומען די ברכות פון יצחק'ן, כולל ער זאל האבען גאנץ ארץ ישראל, האט יעקב געבעטן מערניט ווי "ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש, און דאס גופא איז אויך נאר עס זאל קאנען זיין דער "ושבתי בשלום אל בית אבי והי' הוי' לי לאלקים" ד.ה. צוליב עבודת הוי

- און -

און אעפ"כ, הגם ער איז ניט געגאנגען צוליב די ברכות,
וואלט מען דאך געקאנט מיינען אז ער איז ניט געגאנגען בשמחה,
זאגט דער פסוק "וישא יעקב רגליו" ופרש"י "נשא לבו את רגליו",
וע"ד ווי בשמח"ת ווען די פיס הויבן די קאפ, ד.ה. אז ער איז געגאנגען
בשמחה, ניט נאר מצד קבלת עול, נאר ער האט אויך געהאט אין דעם שמחה.